ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## כ"ח אב תשס"ה

## פרשת ראה

טייערע קינדער שלוחים,

די זומער איז אריבער און איך האף אז איר האט זייער הנאה געהאט פון דעם. פון די ווארעמע וועטער און פון די צייט וואס מען האט זיך אפרוען און צו טאן אנדערע זאכן וואס מען טוט ניט אין מיטן יאר.

דער רבי האט פיל מאל געזאגט אז די ציל פון א "וואקאנס" איז צוריק צוקומען צום לערנען מיט א נייע חשק! פאר אסאך פון אייך ווערט יעצט נאכאמאל אייער שליחות זייער "ביזי", ווייל מער מענטשן קומען צוריק אהיים נאכן זומער, און איך בין זיכער אז אייער זומער האט אייך געגעבן נייע כחות פאר אייער שליחות. לאמיר בעטן ביים אויבערשטער אז ער זאל שוין טאן זיין שליחות און געבן אונז אלע ברכות וואס ער זאגט צו אין דעם וואך'ס פרשה, ובעיקר די גאולה האמיתית והשלימה!!

איידלה וועכטער

# לעבן מיט דער צייט



### פרשת ראה

**ראה אנכי נותן**

די פרשה הויבט זיך אן: **ראה אנכי נותן לפניכם** - זע איך גיב פאר אייך.

דער אויבערשטער זאגט אן משה רבינו צו איבערגעבן יעדער אידן, אויך קליינע קינדער, אז זיי זאלן זיך גוט איינקוקן ביז זיי וועלן זען מיט די אויגן ווי אזוי "אנכי נותן לפניכם היום" – דער אויבערשטער אליין ("אנכי") טוט צדקה מיט אידן, און אין אן אופן פון "נותן לפניכם": ער לאזט אפ אלע זיינע געשעפטן כביכול און פארנעמט זיך מיט צושטעלן אלע אידן און יעדער אידן אלע זייערע באדערפענישן, "מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה".

עס איז ניט גענוג אז א איד גלויבט אין דעם און פארשטייט דאס מיט זיין שכל, נאר עס פאדערט זיך פון א אידן אז דאס זאל זיין אין אן אופן פון "ראה" - ווי א זאך וואס ער זעט מיט די פליישיקע אויגן.

און דאס איז אויך דער אינהאלט פון דער הוראה וואס מען דארף ארויסנעמען פון דער פרשה, וואס ווערט אנגערופען "ראה": די אלע ענינים וואס א אידיש קינד לערנט אין תורה זייענדיק אין חדר און ישיבה, דארפן ביי אים זיין אין אן אופן פון "ראה", דאס מיינט, ניט נאר ער גלויבט אין זיי, נאר דאס איז מיט אזא זיכערקייט און אמת'קייט ווי א זאך וואס ער זעט פאר זיך מיט די אויגן!

און דאס דארף זיין שטענדיק, אין אלע צייטן און אומשטענדן, סיי בייטאג, ווען ס'איז ליכטיק און סיי ביינאכט ווען ס'איז פינסטער:

ביז אז אין אלץ וואס ער טוט זעט א קינד ג-טלעכקייט. וואס דאס איז דער אינהאלט פון דער ברכה וואס מען מאכט איידער מען טרינקט אפילו א פשוט'ן טרונק וואסער: "שהכל נהי' בדברו" - מען אנערקענט אז אלץ וואס איז דא אין דער וועלט איז באשאפן געווארן פון אויבערשטן!

(המשך אין עמוד 2)

# משיח נאו!



### פרשת ראה און משיח

פונקט אזוי ווי ביים ים סוף האבן די קינדער געוויזן מיט זייער פינגער און געזאגט "זה קלי ואנוהו" - דאס איז דער אויבערשטער און איך וועל אים לויבן, וועלן די קינדער זיין די ערשטע צו זען דעם אויבערשטן ביי די גאולה.

און דער רבי זאגט אז דעם אמת'ן התגלות פון משיח איז ניט נאר ווען מען הערט אז "הנה הנה משיח בא" נאר "ראה" ווען מען זעט דאס מיט אונזערע אויגן!!



# דעם חסידישן לוח

*מיט פיל תפילות צום אויבערשטער אז ער זאל היטן די אידן וואס לעבן אין ארץ ישראל, ברענגען מיר דעם חלק פון "תולדות חב"ד בארה"ק".*

## ה' אלול

### די ערשטע גרופע פון חב"ד חסידים קומען אן אין ארץ ישראל

ארץ ישראל...דעם אויבערשטנ'ס ספעציעלן לאנד...ווי אלע האבן געגלוסט צו זען , צו זיין אין דעם הייליקן לאנד...

אין צייט פון דער אלטער רבי אין יאר תקל"ז האבן זיך צוזאמענגעקליבן א גרופע פון חסידים צו פארן אין ארץ ישראל. דעם הויפט פון דעם קבוצה איז געווען ר' מנחם מענדל פון וויטעבסק, און צוויי אנדערע גרויסע חסידים פון דעם מעזריטשער מגיד.

אין אנהויב, האט דער אלטער רבי געוואלט מיט גיין מיט זיי. אבער די חסידים האבן געוויינט און געבעטן "רבי, ביטע לאז אונז ניט אליין דא אין רוסלאנד! מיר דארפן האבן אונזער רבי מיט אונז!!" דער אלטער רבי האט מיט גרויס געוויין אפגעלאזט דעם גרופע און איז ניט געפארן.

די חסידים זיינען ארויסגעפארן אין די זומער פון יאר תקל"ז. די וועג איז געווען פול מיט געפאר און איינע פון די שיפן איז דערטרונקן געווארן און ארום 50 חסידים זיינען דערטרונקן געווארן ר"ל.

די אנדערע חסידים האבן ניט אפילו געוואוסט וועגן דעם ביז זיי זיינען אנגעקומען אין ארץ ישראל.

די חסידים זיינען אנגעקומען אין ארץ ישראל ה' אלול תקנ"ז.

אין אנהויב האבן זיי זיך באזעצט אין צפת. אבער דער לעבן איז געווען זייער שווער אין יענע צייט אין ארץ ישראל און בפרט אין צפת, איז ר' מנחם מענדל פון וויטעבסק אריבערגעגאנגען צו לעבן אין טבריה.

היינט ארום 230 יאר שפעטער, לעבן חסידים איבערן גאנצע לאנד פון ארץ ישראל און זיינען זייער פארנומען מיט זייער הייליקן שליחות פון מקרב זיין אידן אין ארץ ישראל צום אויבערשטער.

מיר בעטן אז דער אויבערשטער זאל שוין שיקן משיח און מיר זאלן אלע אריבערגיין אין ארץ ישראל השלימה תיכף ומיד ממש!

*(המשך פון לעבן מיט דער צייט)*

און נאך מער: ביי דעם אנהויב פון יעדער ברכה רעדט מען צום אויבערשטן און מען זאגט "**ברוך אתה ה'**" - "געבענטשט ביזטו, ג-ט".

און דעמאלט איז מען זוכה צו דער "ראי' " וואס שטייט אין סיום פון פרשה - "**יראה כל זכורך את פני ה' אלקיך במקום אשר יבחר**", אז עס ווערט מקוים די תפילה "שיבנה בית המקדש במהרה בימינו", און "ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים", און מען זעט מיט די פליישיקע אויגן די עבודה פון קרבנות אין בית המקדש, אין דער גאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש.

*(פון דער רבי' רעדט צו קינדער - שיחת כ"ף וכ"א מנחם אב תשמ"ט, כ"ב מנחם אב, תש"נ)*



# דערציילט מיר א מעשה

## דער רבי ווייסט

הרב שמואל שנייד איז א סופר וואס לעבט אין מאנסי. ער רופט זיך ניט א ליובאוויטשער חסיד, אבער ער האט אלע יארן געהאט א נאנטע פארבונד מיטן רבי'ן. פיל מענטשן זיינען געקומען צו אים נאך דעם הוראה פון רבי'ן איבערצוקוקן זייערע מזוזות.

איינמאל איז א פרוי געקומען צו הרב שנייד.זי האט געליטן פון געוויסע שוועריקייטן און דער רבי האט איר געהייסן איבערקוקן די מזוזות פון איר שטוב. ווען הרב שנייד האט ניט געפונען קיין פראבלעמען איז זי געווען זייער אנטוישט. זי האט געהאפט אז זי וועט געפונען עפעס וואס זי וועט קענען פאריכטן און אזוי וועט זי האבן א ישועה פון אירע פראבלעמען.

האט זי נאכאמאל געשריבן צום רבי'ן, און דער רבי האט איר נאכאמאל געהייסן איבערקוקן אירע מזוזות. יעצט איז זי געווען אינגאנצן מבולבל. וואס קען דער רבי מיינען? זי האט ערשט איבערגעקוקט אירע מזוזות און געפונען אז זיי זיינען כשר'ע!!

אבער, ווען דער רבי הייסט, פרעגט מען ניט קיין שאלות, נאר מען פאלגט גלייך! איז זי געגאנגען נאכאמאל מיט אירע מזוזות. ווען זי איז אנגעקומען האט הרב שנייד באמערקט אז צוויי פון אירע מזוזות זיינען געווען פארדעקט מיט אן אנדערע פאפיר פון דעם וואס ער פארדעקט מזוזות ווען ער ענדיקט זיי איבערקוקן.

האט ער געפרעגט די פרוי "האסטו געברענגט די מזוזות דעם פריערדיקן מאל וואס דו ביסט געקומען?" "ניין", האט זי געזאגט. "איך האב ניט געוואלט אז מיין שטוב זאל זיין אן מזוזות, האב איך דעריבער געלאזט צוויי מזוזות אויף די צוויי גרויסע טירן אין מיין שטוב."

הרב שנייד האט יעצט איבערגקוקט די מזוזות און האט טאקע געפונען אז איינע פון זיי איז געווען פסול!

*יעדער ווארט און הוראה וואס דער רבי' זאגט, מוז מען פאלגן פונקט ווי דער רבי' הייסט.*

בס"ד

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, כ"ו אב, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

# שאלות—פרשת ראה

א. וואס זאל א איד "זען" אין פרשת "ראה"? ______________________

ב. וואס וועט א איד זען אויב ער וועט טאן אלע מצוות? ______________________

______________________________________________

ג. ווען זיינען די ערשטע גרופע פון חסידים ארויסגעפארן פון רוסלאנד? __________

______________________________________________

ד. ווען זיינען זיי אנגעקומען? ______________________

ה. ווער איז געווען זייער הויפט? ______________________

ו. ווער האט געוואלט מיטקומען? ______________________

ז. פארוואס איז ער ניט מיטגעקומען? ______________________

______________________________________________

ח. וואו זיינען זיי געגאנגען אין ארץ ישראל? ______________________

ט. ווען האט דער רבי נשיא דורנו געשיקט שלוחים אין ארץ ישראל דעם ערשטן מאל? (פרעג דיין טאטע, מאמע) ______________________

י. וואס קענסטו טאן פאר די אידן יעצט אין ארץ ישראל? ______________________

______________________________________________

נאמען: ______________________ ווי אלט: _____

אדרעס: ______________________________

אי-מייל: ______________________________

**הצלחה רבה!**

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org